# דער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו

# טיטוסן

1 פּוילוס, אַ קנעכט פון ג־ט און אַ שליח פון ישוע
המשיחן, לויט דער אמונה פון די אויסדערוויילטע
פון ג־ט, און דער דערקענטעניש פונם אמת; וואָס
2 איז לויט יראת־שמים, אין דער האָפנונג אויף
אייביק לעבן, וואָס ג־ט, וועלכער זאָגט נישט קיין
שקר, האָט פאַרשפּראָכן פון אייביקע צייטן אָן,
3 און אין דער געהעריקער צייט אַנטפּלעקט זיין
וואָרט אין דעם אויסרופן, וואָס איז מיר אָנפאַר־
טרויט געוואָרן לויט אַ געבאָט פון ג־ט אונזער
4 רעטער;—צו טיטוסן, מיין וואָרהאַפטיקן זון לויט
אונזער געמיינזאַמער אמונה: חסד און שלום פון
ג־ט דעם פאָטער און משיח ישוע אונזער רעטער.
5 דערפאַר האָב איך דיך איבערגעלאָזט אין קרעטאַ,
כדי דו זאָלסט ברענגען אין אָרדנונג, וואָס עס
פעלט נאָך, און באַשטימען זקנים אין יעדער
6 שטאָט, ווי איך האָב דיר באַפוילן; אויב איינער
איז אָן אַ פעלער, דער מאַן פון איין ווייב, האָט
גלויביקע קינדער, וועמען מען באַשולדיקט נישט
7 אין צעלאָזנקייט, אָדער אומגעהאָרכזאַמקייט. וואָרום
דער משגיח דאַרף זיין אָן אַ פעלער, אַלס ג־טס
פאַרוואַלטער; נישט איינגעעקשנט, נישט קיין רגזן,
נישט קיין שכור, נישט קיין שלעגער, נישט גענייגט
8 צו שענדלעכן געווין; נאָר אַ מכניס אורח, וואָס
האָט ליב גוטס, פאַרשטענדיק, אַ צדיק, אַ קדוש,
9 איינגעהאַלטן, וואָס האַלט זיך ביים באַגלויבטן
וואָרט לויט דער לערנונג, כדי ער זאָל זיין אימ־